**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/4/2022 **גאווערנאר קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אפדעיט ניו יארקער איבער ווינטער שטורעם אימפאקטן איבער׳ן סטעיט און סטעיט אגענטור אפרוף**

***ווינטער וועטער וועט אפעקטירן מערהייט פונ׳ם סטעיט מיט שווערע שניי, האגל און געפרוירענע רעגן; 52,004 קאסטומערס נאך אלץ אן ענערגיע***

***רייזע ראטונגען און איינצוימונגען איינגעפירט לענגאויס סטעיט הייוועיס***

***ערטער אין דער אויבערשטער טייל מיטל-הודסאן און אונטערשטער טייל קאפיטאל דיסטריקט צו באקומען ביז א האלבן אינטש אייז דורך א געמיש פון האגל, געפרוירענע רעגן און שניי איבערנאכט***

***ביז איין פוס אדער מער שניי אין ערטער אין מערב ניו יארק, פינגער לעיקס, צענטראל ניו יארק, מאוהאק וואלי און נארט קאנטרי***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געגעבן אן אפדעיט פאר ניו יארקער אויף סטעיט-ברייטע ווינטער שטורעם באטרעפונגען און סטעיט אגענטור אפרוף באמיאונגען אזוי ווי א שטורעם סיסטעם האלטן אן ווייטער צו באווירקן דער מערהייט פונ׳ם סטעיט מיט שווערע שניי, האגל און געפרוירענע רעגן, אויסלעשנדיג עלעקטריציטעט צו איבער 52,000 קאסטומערס. ערטער אין די אויבערשטער טייל מיטל-הודסאן און אונטערשטער טייל קאפיטאל דיסטריקט ראיאנען האבן באקומען ביז א האלב אינטש האגל און געפרוירענע רעגן איבערנאכט, ווי אויך א געמיש פון שניי. מערב ניו יארק, פינגער לעיקס, צענטראל ניו יארק, מאוהאק וואלי, און דער נארט קאנטרי האבן באקומען ביז איין פוס אדער מער שניי מיט נאך עטליכע אינטשעס שניי פאראויסגעזאגט דורכאויס דעם נאכמיטאג. בשעת דאונסטעיט ערטער האבן מערסטנס געהאט רעגן, איז אבער געפרוירענע רעגן צו אפעקטירן דער אונטערשטער טייל פון מיטל-הודסאן, ניו יארק סיטי און לאנג איילענד ראיאנען אנגעהויבן היינט אינדערפרי און אנהאלטנדיג דורכאויס דער קאָמיוּט דעם אוונט.

״ניו יארקער וועקן זיך אויף היינט אינדערפרי צו פילע שניי אדער אן אנגעפאטשטע געמישעכץ פון האגל און געפרוירענע רעגן וואס האט שוין געמאכט רייזן מסוכן׳דיג און אראפברענגן צווייגן פון בוימער און ענערגיע ליניעס,״ **האט גאווערנער האקול געזאגט.** ״איך מוטיג ניו יארקער צו בלייבן אויף דער וואך און אויסמיידן אלע רייזן, איבערהויפט אין ערטער וואו דער געמיש פון האגל און געפרוירענע רעגן מאכט שאסייען עקסטרעם מסוכן׳דיג. מיר וועלן פארזעצן ווייטער צו האלטן אן אויג אויף אומשטענדן, ארויסשטעלן פארמעגנס ווי נויטיג און באזארגן שטיצע צו ארטיגע רעגירונגען אויב נייטיג.״

אין קאארדינירונג מיט דער ניו יארק סטעיט פאליציי און טרו-וועי אויטאריטעט, האט דער דעפארטמענט פון טראנספארטאציע איינגעפירט א 45 מייל א שטונדע ספיעד לימיט און א ״בלויז אין רעכטן לעין״ איינצוימונג פאר קאמערציעלע טראָקס אויף אלע אדער טיילן פון די פאלגענדע קארידארן: I-84 פון די

קאנעקטיקוט ביז פענסילוואניע סטעיט ליניעס; רוט 17 איסט פון בינגהעמטאן; I-88; און I-81 סאוט פון סירעקיוס. ספיעד רעדוקציעס זענען אויך אין קראפט פאר פילע ערטער לענגאויס דעם טרו-וועי סיסטעם.

גאווערנער האקול האט אויך געמוטיגט ניו יארקער זיך צו פירן מיט עקסטערע פארזיכטיגקייט, באגרעניצטע ארומפארן און אריינקוקן אויף שכנים און פריינט זיכער צו מאכן אז זיי זענען אפגעהיטן.

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס קאמיסיאנערין דזשעקי ברעי האט געזאגט,** ״מיר זענען א געמיש פון האגל, געפרוירענע רעגן און שניי וואס מאכט עס שווער צו פארן און איבערהויפט שווער אויפצולאזן די אייז. ניו יארקער זאלן כסדר נעמען פויזעס ביים אוועקפירן שניי און אייז היינט און ניצן עקסטערע פארזיכטיגקייט ביים ארומפארן. פארט שטייטליך, גיבט אייך מער צייט צו גרייכן אייער דעסטינאציע, און בלייבט אויף דער וואך פאר ענדערנדע וועג אומשטענדן און שניי שארער-טראָקס וואס ארבעטן אויף אפצורוימען שאסייען.״

דער וועטער סיסטעם וועט ווייטער זיך ציען איבער׳ן סטעיט היינט נאכמיטאג, און ערטער דרום און מזרח פון דעם קאפיטאל ראיאן זענען פאראויסגעזאגט צו באקומען א ווינטערדיגע געמישעכץ פון האגל און געפרוירענע רעגן. מערב ניו יארק, די פינגער לעיקס, צענטראל ניו יארק, דער נארט קאנטרי, און טיילן פון דער מאוהאק וואלי זענען ערווארטעט צו באקומען עטליכע אינטשעס שניי. לענגאויס דאונסטעיט ראיאנען איז רעגן ערווארטעט זיך צו ענדערן צו א ווינטערדיגע געמיש פון שניי, האגל און געפרוירענע רעגן היינט נאכמיטאג בעפאר עס וועט נאכלאזן אין אוונט. געפארפולע, אייזיגע רייזע אומשטענדן וועלן גאנץ מעגליך אפעקטירן דעם אוונט קאָמיוּט פאר א גרויסן חלק פון אונטערשטער טייל פון מיטל-הודסאן, ניו יארק סיטי און לאנג איילענד ראיאנען היינט נאכט.

כסדר׳דיגע שניי וועט זיך נאכלאזן לענגאויס דעם סטעיט דעם פרייטאג נאכמיטאג, מיט געוויסע לעיק ווירקונגען אין מערב ניו יארק און דער נארט קאנטרי דורך דעם אוונט מיט שטארקע ווינטן ביז 30 מייל א שטונדע און צומאל פאראורזאכן געבלאזענע און אנגעשנייטע ערטער לענגאויס דער לעיק ערי און לעיק אנטעריאו ברעג-ליניעס. די ערטער וועלן אויך זען דער אומקער פון ביטער קאלטע אומשטענדן און סוב-זערא ווינט-קעלט היינט און דורכאויס דעם סוף-וואך.

מערערע וועטער ווארענונגען און באוואכונגען ארויסגעגעבן דורך דער נאציאנאלער וועטער סערוויס בלייבן אין קראפט דורכאויס דעם אוונט פאר לאקאציעס דורכאויס דעם סטעיט.  פאר א פולע ליסטע פון וועטער ווארענונגען אין אייער געגנט, באזוכט אייער געגנט׳ס נאציאנעלע וועטער סערוויס [וועבזייטל](#).

**<u>אגענטור פארברייטערונגען</u>**

**דיוויזיע פון היימלאנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס**

די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס עמערדזשענסי אפעראציעס צענטער איז אקטיווירט געווארן און האלט א נאענט אויג אויף וועטער און רייזע אומשטענדן, קאארדינירט סטעיט אגענטור און אפרוף אפעראציעס, און קאמוניקירט מיט ארטיגע אינסטאנצן אין פארברייטערונג פאר דעם פאסירונג. סטעיט זאפאסן ווערן אנגעגרייט אויף ארויסצושטעלן אלע הילפס-מיטלען פאר ארטיגע רעגירונגס אינסטאנצן צו שטיצן סיי וועלכע שטורעם-פארבינדענע נויט, אריינגערעכנט פאמפס, טשעינסאָוס, זאמד-זעקלעך, דזשענערעיטארס, פעלדבעטלעך, קאלדרעס און באטלעך וואסער.

**דעפארטמענט פון טראנספארטאציע**

דער סטעיט דעפארטמענט פון טראנספארטאציע שטייט גרייט זיך אפצורופן מיט די פאלגענדע הילפס-מיטלען:

- 1,748 גרויסע און מיטלמעסיגע שארער-טראָקס
- 328 גרויסע לאודערס
- 51 שלעפער שארער-טראָקס
- 39 שניי בלאזער
- 23 פיק-אָפּ טראָקס מיט שאר-געצייג
- 18 גרעידערס

זיבן און צוואנציג פערסאנאל פון לאנג איילענד וועלן ארויסגעשטעלט ווערן צו אנדערע ראיאנען ווי פאלגענד:

- דער קאפיטאל ראיאן וועט באקומען 7 שניי שארער-טראָק אפערירער און 2 געצייג אפערירער אנווייזער.
- צענטראל ניו יארק וועט באקומען 8 שניי שארער-טראָק אפערירער און 1 סופערווייזער.
- דער סאוטערן טיער וועט באקומען 8 שניי שארער-טראָק אפערירער און 1 סופערווייזער.

זעקס און פופציג דזשענערעיטערס זענען ארויסגעשטעלט געווארן צו ערטער ערווארטעט צו באקומען געפרוירענע רעגן און זענען גרייט אין פארברייטערונג פאר זיך אפרופן צו סיי וועלכע טונקעלע סיגנאלן. איין און צוואנציג סאויער מאנשאפטן פון דעם דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיט און פארקס זענען גרייט אויף ארויסצוהעלפן DOT בוים אוועקפיר אפעראציעס.
שלעפער סערוויס וועט ווערן אויסגעניצט ביי די פאלגענדע לאקאציעס: US-20 (מאדיסאן), I-81 (אנאנדאגא), US 20 (אנאנדאגא), I-390 (סטובען), I-86 (טשעמונג), I-84 (אראנדזש), I-684 (פוטנעם), I-81 (ברום), I-88 (ברום), NY 17 (ברום) NY 17 (סוליוואן). דער נויט פאר נאך שלעפער סערוויסעס וועלן אפגעשאצט ווערן לויט ווי אומשטענדן אנטוויקלען זיך.

פאר די לעצטע רייזע אינפארמאציע, רופט 511, באזוכט www.511NY.org, אדער דאונלאד׳ט דער בחנם׳דיגער 511NY מאביל עפּ.

**טרו-וועי אויטאריטעט**

די טרו-וועי אויטאריטעט איז אקטיוו באשעפטיגט אין שניי און אייז אפעראציעס מיט 677 אפערירער און סופערווייזערס לענגאויס דעם סטעיט, אינאיינעם מיט די פאלגענדע הילף-געצייג:

- 356 גרויסע און מיטלמעסיגע שארער-טראָקס
- 11 שלעפער שארער-טראָקס
- 68 לאָודערס
- מער ווי 119,000 טאָנען זאלץ אויף דער האנט

דריי טראָקס זענען ארויסגעשטעלט געווארן צו דער סירעקיוס דיוויזיע, פון דער טרו-וועי׳ס ניו יארק דיוויזיע, ארויסצוהעלפן מיט דעם אפרוף.

שילדן מיט אנזאג-ענדערונג פעאיגקייטן און סאושעל מעדיע ווערן גענוצט צו ווארענען מאטאריסטן איבער וועטער אומשטענדן אויף דער טרו-ווער.

די טרו-ווער אויטאריטעט ראט פאר מאטאריסטן צו דאונלאד׳ען איר מאביל עפ וועלכס איז צו באקומען בחינם אויף איי-פאָן און ענדראָוד סמארטפאנס. דער עפ שטעלט צו פאר מאטאריסטן דירעקט לעבעדיגע און עכט-צייטיגע טראפיק און נאוויגאציע הילף בשעת מען איז אויפ׳ן וועג. מאטאריסטן קענען זיך אויך איינשרייבן פאר TRANSalert אימעילס, וועלכע שטעלן צו די לעצטע טראפיק באריכטן לענגאויס דעם טרו-ווער דא.

**דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאל אפהיטונג**

DEC ענווייראנמענטעל קאנסערוועישען פאליציי אפיצירן, וואלד רעינדזשער, עמערדזשענסי פארוואלטונג שטאב, און ראיאנישע מאנשאפט זענען אויף דער וואך און האלטן אן אויג אויף דעם אנטוויקלענדן מצב און פאטראלירן אקטיוו די געגנטער און אינפראסטרוקטור וואס שטייען אויס געטראפן צו ווערן פון די שווערע וועטער.
אלע אפרוף-מיטלען וואס זענען פאראן, אריינגערעכנט סאויערס, שטייען גרייט אויף צו העלפן מיט סיי וועלכע עמערדזשענסי אפרוף.

DEC ראט פאר איינוואוינער אין מער פארווארפענע ערטער צו זיין באוואוסטזיניג און זיך גרייטן פאר אוואלאנש אומשטענדן צוליב וועטער וואס קען פארמערן דער ריזיקע פון אוואלאנשן אויף גליטשער אדער טיפע, אפענע באדן. מער אינפארמאציע איז צו באקומען דא.

DEC דערמאנט פאר די פאראנטווארטליך פאר אוועקפירן שניי אויף א גרויסן פארנעם נאכצופאלגן בעסטע פארוואלטונג פירונגען צו העלפן רעדוצירן דער פאטענציעל פאר פארפּעסטונגען ווי זאלץ, זאמד, אויל, מיסט און אנדערע אפפאל אין שניי פון אפעקטירן וואסער קוואליטעט. מער אינפארמאציע איז צו באקומען דא.

**אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונג**

ניו יארק סטעיט פארק פאליציי און פארק באאמטע זענען אויף דער וואך און האלטן א נאנטן אויג אויף די וועטער אומשטענדן און באטרעפונגען. פארק באזוכער זאלן נאכקוקן אויף parks.ny.gov אדער רופן זייער ארטיגע פארק אפיס פאר די לעצטע אפדעיטס איבער פארק שעה׳ן, עפענונגען, און פארשליסונגען.

**דעפארטמענט פון פובליק סערוויס**

דער שטורעם זעצט פאר ווייטער צו אפעקטירן דער מיטל-הודסאן און דרום-מזרח קאפיטאל דיסטריקטן ראיאנען פון דעם סטעיט צו פאראורזאכן נייע שאדן און אויסלעשונגען אין דעם ראיאן, איבערהויפט אין אולסטער, דוטשעס, קאלומביע און אראנדזש קאונטיס.  צענטראל הודסאן און NYSEG רופן זיך אפ צו 9-1-1 און געפאלענע דראט עמערדזשענסי דזשאבס און באשעפטיגט אין אויפריכטונג באמיאונגען וואו עס איז זיכער דאס צו טון, אפילו בשעת נייע אויסלעשונגען ווערן ווייטער פאראורזאכט דעם שטורעם.  צענטראל הודסאן האט געברענגט 30 נאך קאנטראקט FTE׳ס וועלכע וועלן אנקומען אין דעם ראיאן שפעטער דעם נאכמיטאג; דאס איז אין צוגאב צו 125 געמיינזאמע הילף FTE׳ס פון דערנעבנדע יוטיליטיס.

דער סך הכל צאל פון קאסטומער עלעקטריציטעט אויסלעשע איבער׳ן סטעיט איז 48,500.

**ניו יארק סטעיט פאליציי**

סטעיט פאליציי וועלן האלטן א נאענט אויג אויף די אומשטענדן און וועלן זיין גרייט ארויסצושטעלן נאך טרופערס אויב נויטיג. אלע סטעיט פאליציי פאָר-וויל-דרייוו און ספעציעליזירטע וויהיקלס, ארייגערעכנט שניי-מאבילן און יוטיליטי טערעין וויהיקלס, ווערן גרייט געמאכט אויף באלדיגע אפרוף.

**ניו יארק פאווער אויטאריטעט / קאנאל קארפארעישען**

די ניו יארק סטעיט פאווער אויטאריטעט און דער קאנאל קארפארעישען שטאב פירן אויס פארברייטערונגן צו פארזיכערן אז אלע איינריכטונגען און אפרוף-מיטלען און געצייג זענען גרייט און אויפ׳ן פלאץ. דער פאוער אויטאריטעט איז גרייט אונטערצושטיצן ענערגיע צוריקשטעל אקטיוויטעטן אויב נייטיג.

**מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט**

די מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט (MTA) האלט א נאענטן אויג אויף וועטער אומשטענדן צו פארזיכערן זיכערע און פארלעסליכע סערוויס. MTA ארבעטער וועלן שטיין גרייט אויסצושפרייטן זאלץ און אפרוימען פלאטפארמעס און טרעפ פון אייז, און האלטן סיגנאלן, פארוועגדונג-געצייג און דריטער רעלס אין אפעראציע. MTA ברידזשעס און טונעלס ראט פאר מאטאריסטן צו טרייבן ביי רעדוצירטע שנעלקייטן.
קאסטומערס ווערן דערמוטיגט נאכצוקוקן אויף [new.mta.info](http://new.mta.info) פאר די לעצטע סערוויס אפדעיטס און זיך האלטן וואך בשעת׳ן נאוויגירן דעם סיסטעם. קאסטומערס זאלן זיך אויך אויפשרייבן פאר עכט-צייטיגע סערוויס מודעות דורך טעקסט אדער אימעיל. די מודעות קען מען אויך באקומען דורך די MTA׳ס עפס: NYMTA, Long Island Rail Road Train Time און Metro-North Train Time.

**פארט אויטאריטעט פון ניו יארק און ניו דזשערזי**

די פארט אויטאריטעט האלט אן אויג אויף וועטער אומשטענדן. שנעלקייט איינצוימונגען קענען מעגליך זיין אין עפעקט ביי די בריקן, ווי אויך לענגאויס די וועגן וועלכע פירן צו און אוועק פון זיי. פאסאזשירן דורך די פארט אויטאריטעט׳ס איינריכטונגען זענען דערמוטיגט זיך צו פארבינדן דירעקט מיט טראנספארטאציע פירער און עירליינס פאר די לעצטע אינפארמאציע וועגן אפהאלטונגען און אפרופונגען. פאר די לעצטע אינפארמאציע איבער פארט אויטאריטעט איינריכטונגען, ביטע קוקט נאך אויף סאושעל מעדיע, שרייבט אייך איין פאר [PA מודעות](), אדער דאונלאוד׳ט איינע פון די PA מאביל עפס, ארייגערעכנט [RidePATH]() וועלכע באזארגן עכט-צייטיגע אפדעיטס און ווארענונגען פאר PATH סערוויס.

**<u>זיכערהייט עצות</u>**

**ווינטער ארומפארן**

דער פירנדע גורם פון טויטפאל און פארוואונדעט ווערן דורכאויס ווינטער שטורעמעס איז טראנספארטאציע-פארבינדענע צוזאמשטויסונגען. בעפאר זיך זעצן הינטער׳ן רעדל, מאכט זיכער אז אייער קאַר איז אפגערוימט פון אייז און שניי; גוטע זעעדיגקייט איז דער שליסל צו גוטע דרייוו׳ען. פלאנירט אייערע סטאָפּס און לאזט איבער גענוג פלאץ צווישן אנדערע קאַרס. זיין עקסטערע באווארנט און געדענקט אז שניי-בערגלעך קענען באהאלטן הינטער זיך קלענערע קינדער. כסדר האלטס אייער ספיעד צוגעפאסט צו די שאסיי און וועטער אומשטענדן.

עס איז וויכטיג פאר דרייווערס אויף אלע וועגן אנצומערקן אז שניי-שארער-טראָקס פארן מיט א שנעלקייט ביז 35 מייל א שעה, וואס איז אפטמאל וויייניגער ווי דער באשטימטע ספּיעד לימיט, צו פארזיכערן אז די פארשפרייטע זאלץ בלייבט אין די דרייווינג לעינס און שפרייט זיך נישט ביי די זייטן פון די וועגן. אפטמאל אויף אינטערסטעיט הייוועיס וועלן שארער-טראָקס אפערירן איינס נעבן צווייטן, וויבאלד דאס איז די מערסט-ווירקזאמע און זיכערסטע אופן אפצורוימען עטליכע לעינס אויף א מאל.

דרייווערס און פיסגייער זאלן האלטן אין געדאנק אז שארער-טראָק דרייווערס זענען באגרעניצט אין וואס זיי קענען זען, און די גרויסקייט און די שווערע וואג פון די שארער-געצייג קענען מאכן זייער שווער זיך שנעל אוועקצודרייען אדער אפשטעלן. שניי וואס בלאזט פון הינטער'ן שארער-טראָק קען שטארק רעדוצירן זעעוודיגקייט אדער פאראורזאכן ווייט-אָוט אומשטענדן. דרייווערס זאלן נישט פרובירן פארבייגיין שארער-טראָקס אדער נאכפארן צו נאענט. די זיכערסטע פלאץ פאר דרייווערס איז צו דרייוו'ען גוט אפגעזונדערט פון די שארער-טראָקס וואו דער שאסיי איז שוין אפגערוימט און באזאלצן.

עטליכע פון די וויכטיגסטע עצות פאר זיכערע דרייוו'ען רעכענען אריין:

- ווען עס טרעפן זיך ווינטער שטורעמעס, דרייוו'ט נישט אויב עס איז נישט וויכטיג.
- גיבט אפ אכט אויף בריקן וויבאלד אייז קען זיך פארעמען שנעלער ווי אויף די ראודס.
- נאסע בלעטלעך אויף וועגן קענען פאראורזאכן גליטשיגע אומשטענדן, און עס איז דערפאר נאך וויכטיגער צו דרייוו'ען שטייטער ווען מען קומט אט-אט צו שטרעקעס דערפון.
- מאכט זיכער איר האט אין אייער קאר קאלדרעס, א שאָוועל, פלעשלייט, און עקסטערע באטעריעס, עקסטערע ווארעמע קליידונג, א סעט פון טייער-טשעינס, באטערי בוסטער קעיבלס, הויכע-ענערגיע עסנווארג און ליכטיג-געפארבטע סחורה צו ניצן אלס צייכן אז איר נויטיגט זיך אין הילף.
- האלטס אייער גאז טאנק אנגעפילט כדי נישט האבן קיין פראבלעמען מיט גאזאלין דערפרירונג.
- אויב איר האט א סעלפאָן אדער טו-וועי ראדיא אויף צו ניצן, האלטס די באטעריס גע'טשארדזש'ט און האלטס עס מיט אייך ווען איר פארט. אויב איר ווערט געשטראנדעט, וועט איר קענען רופן פאר הילף, אנווייזן פאר אייערע רעטער וואו איר געפינט זיך.
- מאכט זיכער אז עמיצער קען אייערע רייזע פלענער.
- בשעת'ן דרייוו'ען, האלטס אייער קאר אפגערומט פון אייז און שניי.
- פלאנירט אויס סטאַפּס און לאזט גענוג פלאץ צווישן קאַרס. כסדר האלטס אייער ספּיעד צוגעפאסט צו די שאסיי און וועטער אומשטענדן.

**ענערגיע קראפט אויסלעש**

אויב ווערט די לעקטער אויסגעלאשן, זאלן ניו יארקער:

- אויסלעשן אדער אומבאהעפטן הויפט עפלייענסעס און אנדערע אויסריכטונגען, ווי צ.ב.ש. קאמפיוטערס, אין פאל פון א צייטווייליגע ענערגיע קראפט אנפלייץ וועלכע קען שעדיגן די כלים. האלט איין לעקטער אנגעצונדן כדי איר זאלט גלייך וויסן ווען די ענערגיע קראפט ווערט צוריקגעשטעלט. עס קען זיך לוינען צו נוצן סוירדזש באשיצערס יעדעס מאל ווען אימער איר נוצט עלעקטראנישע אויסריכטונגען.
- רופט אייער יוטיליטי פראווײדער זיי מודיע צו זיין וועגן דעם אויסלעש און הערט אויס ארטיגע בראדקעסטס פאר אפיציעלע אינפארמאציע. פאר א ליסטע פון יוטיליטיס אין ניו יארק סטעיט, באזוכט דעם סטעיט דעפארטמענט אוו פובליק סערוויס.

- קוקט נאך צו זעהן אויב אייערע שכנים האבן ענערגיע קראפט. קוקט נאך אויף מענטשן וואס האבן ספעציעלע געברויכן.
- ניצט נאר פלעשלייטס פאר עמערדזשענסי באלייכטונג-ליכט קענען איינשטעלן א ריזיקע פון פייער.
- האלטס פרידזשידער און פריעזער טירן פארמאכט — רוב עסנווארג וועלכע דארפן געהאלטן ווערן קאלט קענען געהאלטן ווערן זיכערערהייט אין א פארמאכטע פרידזשידער פאר עטליכע שעה׳ן. אן אומגעעפנטע פרידזשידער וועט האלטן עסנווארג קאלט פאר בערך פיר (4) שעה. אן אנגעפילטע פריעזער וועט האלטן דער טעמפעראטור פאר בערך 48 שעה.
- ניצט נישט קיין טשאַרקאָול גריל אינעווייניג און ניצט נישט קיין גאז אויוון פאר הייצונג — זיי קענען ארויסגעבן שעדליכע מאסן קארבאן מאנאקסייד.
- אין קאלטע וועטער, האלטס אייך ווארעם דורך זיך אנטון אין שיכטן און מינימיזירן די צייט פארברענגט אינדרויסן. זייט פארזיכטיג וועגן קאלטע אנגעשטרענגט סימפטאמען (ווי צ.ב.ש. היפאטערמיע) און זוכט פאסיגע מעדיצינישע הילף אויב ווייזן זיך סימפטאמען.
- אויב זענט איר אין א הויכע בנין, נעמט די טרעפ און ציעט אייך צו די נידעריגסטע שטאפל פון דעם בנין. אויב איר בלייבט שטעקן אין אן עלעוועיטאר, ווארט אויף הילף. פרובירט נישט צו עפענען די טירן מיט געוואלד. בלייבטס געדולדיג — עס איז דא א שפע פון לופט און דער אינעווייניג פון אן עלעוועיטער איז געבויט פאר פאסאזשיר סעיפטי.
- געדענקט צו געבן פריש, קיל וואסער צו אייערע שטוב חיות.
- שליסט אויס אומנויטיגע נסיעות, בפרט מיט א קאר.  טראפיק סיגנאלן וועלן אויפהערן ארבעטן במשך א קורצשלוס, וואס וועט אנמאכן טראפיק קאנדזשעסשאן און געפערליכע אומשטענדן פאר דרייווון. אויב דארפט איר דרייוו׳ען בשעת א בלעקאָוּט, געדענקט צו פאלגן די 4-וועגיגע סטאַפּ ארדענונג ביי שניידפונקטן ווי די טראפיק סיגנאלן פונקציאנירן נישט.
- געדענקט אז אויסריכטונגען ווי אויטאמאטישע טעלער מאשינען (ס׳ATM) און עלעוועיטערס וועלן מעגליך נישט ארבעטן.

פאר מער סעיפטי עצות, באזוכט דער ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס סעיפטי עצות וועב זייטל [דא](#).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן